# וכל מאמינים

א וועכנטליכע בלעטל ארויס געגעבן דורך בני אמונים

פרשת וישלח תשפ"ד שנה י | גליון מס' 510

בני אמונים
מתחזקים בעניית אמן
לע"נ הרה"ח ר' חיים בן ציון
בהרה"ח ר' אהרן צבי מרמורשטיין זצ"ל
נפטר יג' אלול תשס"ג



ת.ד 102 בני ברק | פקס : 03-5055919
9139191@gmail.com


## פניני אמונים

### פערל ווערטער אויף תפילה אין די פרשה

## געווינען דעם יצה"ר דורך ענטפערן אמן

**"הַצִּילֵנִי נָא מִיַּד אָחִי מִיַּד עֵשָׂו כִּי יָרֵא אָנֹכִי אֹתוֹ פֶּן יָבוֹא וְהִכַּנִי אֵם עַל בָּנִים"** (לב יב)

אויף די קלארע רייד פון רבי יוסי (ברכות נג ב): "גדול העונה אמן יותר מן המברך", ברענגט רבי נהוראי א ראיה: "שהרי גוליירים [די איינפאכע סאלדאטן] מתגרים במלחמה, וגבורים נוצחים"".

פון דעם וואס רבי נהוראי האט צוגעשטעלט די וואס ענטפערן אמן צו שטארקע סאלדאטן וואס געווינען די מלחמה, האט **רבי רחמים בוכריץ** פון ג'רבא ארויסגעלערנט אז אין זכות פון ענטפערן אמן איז דער מענטש זוכה זיך צו מתגבר זיין אויף זיין יצר הרע און אים געווינען. ווייל צו קענען געווינען די יצר הרע פעלט אויס א שטארקייט, אזוי ווי די משנה לערנט אונז (אבות ד א): "איזהו גבור? הכובש את יצרו". דאס איז אויך מרומז אין דעם וואס די ווערטער: "הכֹּבש יצרו" זענען גימטריה 633, אזוי ווי די גימטריה פון די ווערטער "בעניית אמן".

נאך א רמז אויף דעם אז דער וואס ענטפערט אמן איז זוכה ניצול ווערן פון יצר הרע, ברענגט דער סלאנימער רבי בעל **'דברי שמואל'** פון דעם וואס ביי די תפילה פון יעקב געראטעוועט צו ווערן פון זיין ברודער עשו, וואס סימבאלעזירט דעם יצר הרע, דערמאנט ער די ווערטער: "**נא מיד אחי**", וואס איז ראשי תיבות 'אמן'.

'בגדי שש' [ליווארנו תרנ"ט] ח"ב דף ג ע"ב; 'דברי שמואל' וישלח

## חסדים וואס איז קלאר זייער טובה

**"וְאַתָּה אָמַרְתָּ הֵיטֵב אֵיטִיב עִמָּךְ וְשַׂמְתִּי אֶת זַרְעֲךָ כְּחוֹל הַיָּם אֲשֶׁר לֹא יִסָּפֵר מֵרֹב"** (לב יג)

**רבי לוי יצחק פון בארדיטשוב**, טייטש אזוי די געדאפלטע ווערטער "הֵיטֵב אֵיטִיב": עס זענען דא פארשידענע מצבים וואס הקב"ה פירט זיך מיטן מענטש מיט א הסתר פנים, און כאטש אז באמת איז עס חסדים, דאך פאר זיינע אויגן זעהט עס אויס ווי שלעכט'ס. דערפאר האט יעקב אבינו געבעהטן: "היטב איטיב" - הקב"ה זאל אים גוט'ס טוהן אזעלכע טובות וואס דערקענט זיך זייער גוט'ס.

דער **'פרי מגדים'** ערקלערט מיט דעם די בקשה נאך ברכות השחר: "ותגמלנו חסדים טובים", לכאורה איז שווער דער לשון: "חסדים טובים", איז דען דא "חסדים רעים"? נאר מיר בעהטן אז השי"ת זאל אונז געבן אזעלכע חסדים וואס עס זעהט זיך אן זייער גוט'ס, און נישט חסדים וואס זייער טובה איז באהאלטן פון מענטשן.

דער **מהרי"ץ דושינסקיא** פלעגט מיט דעם טייטשן אונזער בקשה ביי די אויספיר פון די ברכה "הטוב והמטיב" ביי ברכת המזון: "ומכל טוב לעולם אל יחסרנו" - אויף די טובות וואס דער וועלט זעהט איין זייער גוט'ס, בעהטן מיר "אל יחסרנו".

## פתחו שערים

### די ווארט פונעם גרינדער און נשיא פון 'בני אמונים'

## מעשה אבות סימן לבנים

אין דעם פריערדיגן ארטיקל האבן מיר אראפגעברענגט וואס די חכמים זאגן (תנד"א רבא יא) אז די זכות פון ענטפערן אמן דאס טוהט ביישטיין פאר אידן זיי זאלן געראטעוועט ווערן פון זייערע פיינט. אין אונזער פרשה ווען מיר זיך איבערצייגן אז אט די שמירה איז בייגעשטאנען פאר כלל ישראל פון ווען זיי זענען געווארן א פאלק.

דער 'מגלה עמוקות' אנטפלעקט אז ווען עשו האט געוואלט טשעפענען יעקב'ן, האט יעקב דערמאנט די זכות פון ענטפערן אמן כדי ניצול ווערן פון אים, און ברענגט צו דעם א וואונדערליכן רמז ווען יעקב האט געדאווענט (לב יב): "הצילני נא מיד אחי מיד עשיו"; האט ער אינזין געהאט אז "נא מיד אחי" - איז ראשי תיבות 'אמן'.

עס איז באקאנט דער מאמר: "מעשה אבות סימן לבנים" (ראה ב"ר מ ו); אויך היינט צוטאג דארפן מיר געדענקען און וויסן אז די בעסטע טאקטיק קעגן די "הידים ידי עשו" איז דער "קול יעקב" - דער קול פון ענטפערן אמן. אין ליכט פון די רייד פון חז"ל איז קלאר ווי דער טאג אז די מיליאנען אמן'ס וואס אידן זאגן יעדן טאג, זענען א שטארקע פארטיידיגונג פאר די אידן פון זייערע שונאים.

איך האב געטראכט צוזאגן אז דאס איז די סיבה פארוואס די מצוה פון ענטפערן אמן נעמט אונז ארום א גאנצן טאג פון אינדערפרי ביז פארנאכט, און מען קען עס ענטפערן אן א צאל מאל אין א טאג. ווייל אויף א שטענדיגע סכנה וואס לויערט אויף אונז פון די שונאים וואס רינגלען אונז ארום פון אלע זייטן און אין יעדע מאמענט, פעלט אויס א שטענדיגע הצלה, און דאס האבן מיר א דאנק די ענטפערן אמן.

מענטשן אינוועסטירן זייערע געלטער אין 'פארזיכערונג פאליסיס' וואס קענען נישט באשיצן פון א אומגליק, נאר צו זארגן אויף א פינאנציעלע פארגיטיגונג... איז דען נישט ענדערשט זיי זאלן אינוועסטירן אין ענטפערן אמן וואס שטייט גרייט אומזינסט פאר יעדן וואס זוכט עס, און אויסער וואס דאס עפנט די טויערן פון שפע און ברכה, שיצט עס אויך פון די שלעכטס?!

פון דא גייט ארויס א רוף צו יעדן איד: "עת צרה היא ליעקב" לאמיר זיך פאראייניגן מיטן אכטונג געבן און מהדר זיין אין די מצוה פון ענטפערן אמן, און מיר וועלן אויך מחזק זיין די אלע וואס דאווענען מיט אונז זיי זאלן ענטפערן אמן און זייערע ברכות זאל געענטפערט ווערן ענטפערן מיט א אמן. אויב מיר וועלן אזוי' טוהן וועט זיכער מקויים ווערן ביי אונז דער פסוק (תהלים צא יא): "כי מלאכיו יצוה לך לשמרך בכל דרכיך", אמן ואמן.

**מיט א רוף "הצילני נא מיד אחי מיד עשו"**

**א גוט שבת**

יעקב דוד מארמארשטיין

# — א געדאפלטע ישועה אין שוהל —

מיט איבער דריי הונדערט יאר צוריק האט געוואוינט אין שטאט מקנאס אין מאראקא א יונגערמאן מיטן נאמען רבי שלמה צאייג. דער יונגערמאן איז געזיצן אין בית המדרש פון אינדערפרי ביז נאכט, ווען ער באפרידיגט זיין נשמה מיט תורה, און מיט דעם שטילט ער זיין דארשט. די פרנסה פון זיין הויזגעזינד איז געווען אין זייער א שלעכטן צושטאנד, אבער מיט זיין הארעוואניע אין תורה האט ער זיך געפילט ווי דער רייכסטער מענטש אויף דער וועלט.

ויהי היום, רבי שלמה'ס ווייב האט געבוירן א בן זכר למזל טוב. און בשעת ער איז געשטאנען אינדרויסן פון צימער ווען זיין מויל מורמלט א דאנק פאר השי"ת, און טשעפשען אויך א תפלה אויף די געזונט פון די מאמע און דאס קינד, איז מיטאמאל ארויסגעקומען די מיילדת פון צימער און אים געזאגט: "טייערער פאטער, דיין זון איז ברוך השם געזונט און פריש, אבער פאר די פרוי האט אנגעכאפט א שוואכקייט און דארף עסן א גוט שטיקל פלייש כדי זי זאל צוריק קומען צו די כוחות, און עס איז וויכטיג דו זאלסט זיך צואיילן עס גיין קויפן פאר איר".

רבי שלמה איז ארויס פון שטוב און איז געווען ביי זיך צובראכן. מיט זיין גאנצע הארץ האט ער געוואלט העלפן זיין ווייב, אבער זיין קעשענע איז געווען ליידיג פון געלט, און האט נישט געוואוסט וויאזוי ער וועט עס קענען אויספירן. פונדעסטוועגן איז ער ארויסגעגאנגען אויפן מארק ווען די ליפן שעפטשען א תפילה, האפנדיג אז השי"ת וועט אים שוין העלפן אויף עפעס א וועג.



דאס אידישע קווארטל אין מקנאס

אינמיטן ווען ער גייט אזוי פארטראכט איז פלוצים צוגעקומען צו אים אן ארעמאן מיט צעריסענע קליידער און בארוועס, און האט צו אים גערופן מיט א געבעהט: "רבי איד, מיין ווייב און מיינע טעכטער ליגן קראנק אין שטוב, זיי נויטיגן זיך אין עסן כדי זיי זאלן געזונט ווערן, און מיין הויז איז ליידיג, ביטע געב מיר צדקה...".

אין די אויגן פון דער ארעמאן האט רבי שלמה אויסגעזען ווי א פארמעגליכער, אבער למעשה האט ער נישט געהאט קיין ברירה נאר אים צו דערציילן אז ער געפונט זיך אויך אין אן ענליכן מצב, און אים פארשלאגן, אז "ווייל מיר קענען נישט העלפן איינער פון דעם אנדערן, לאמיר ביידע גיין צוזאמען צו דעם אייבערשטער וואס קען אונז יא העלפן...".

"מי הוא זה ואיזה הוא, ווער איז דעס, און וואו זיצט ער?" האט דער מענטש געפרעגט מיט זיין תמימות, און רבי שלמה האט אים מסביר געווען: "דאס איז דער מלך מלכי המלכים הקדוש ברוך הוא, וואס ענטפערט יעדן וואס ווענדט זיך צו אים, לאמיר אריינגיין אין שול און דאווענען פאר אים מיט א צובראכן הארץ, און וועט ער אונז נישט אוועקשיקן מיט ליידיגע הענט".

נעבן זיי איז געשטאנען דער בית המדרש וואס איז דעמאלט געבויעט געווארן דורכן גרעסטער עושר פון מקנאס אין יענע צייט, רבי משה בן עטר. די צוויי זענען אריין אין שול און פארמאכט די טיר, צוגעגאנגען צום ארון קודש און גלייך אנגעהויבן אויסגיסן זייער הארץ מיט טרערן פארן אויבערשטן.

און אין יענע צייט, נישט ווייט פון דארטן, האט זיך דארט אפגעשפילט א אמת'ע דראמע. אן אראבער וואס האט אומרעכט באקומען דעם טיטל 'שטאט מיניסטער', איז געווארן א ריזיגער בעל חוב. צוליב זיין ווילן צו פארגרעסערן זיין עשירות, האט ער אינוועסטירט אלע זיינע געלטער מיט נאך פולע הלוואות וואס ער האט גענומען אויף זיך אין א ביזנעס וואס איז אדורכגעפאלן, און ווי דער מנהג פון די רשעים אין יענע צייטן, האט ער פארלאנגט אז די אידן זאל באצאלן זיינע שאדנ'ס.

רבי משה בן עטר, ראש נגידי פון מקנאס, איז גערופן געווארן צום מיניסטער אין הויז, און דארט האט מען אים געזאגט מיט א שטרענגע באפעל, אז אין פינף טעג דארף ער צוזאמשטעלן פון צווישן די אידן אין שטאט נישט ווייניגער ווי פינף טויזנט גאלדענע שקלים, און אויב נישט, וועט מען זיי באלד ארויסטרייבן פון שטאט, און זייער הויז און פארמעגן וועט ווערן צוגערויבט".

רבי משה, וואס די גזירה איז אויף אים ארויפגעפאלן ווי א דונער אין א העלן טאג איז ארויס פון מיניסטער'ס הויז דערשראקן און צושוידערט. ער האט נישט געוואוסט, ווי אזוי צו פארדייען די שלעכטע גזירה, אבער אלץ א גלויביגער איד האט ער געוואוסט וואס איז די ערשטע שריט וואס ער דארף נעמען; איידער ער איז אריין אין זיין הויז, האבן זיינע פיס אים געטראגן צו דער שול וואס ער האט געבויעט נעבן זיך, כדי צו דאווענען צום אויבערשטן ער זאל ראטעווען די מקנאסער אידן פון די שלעכטע גזירה.

דער שול האט געזאלט זיין ליידיג אין יענע שעה, און רבי משה איז איבערראשט געווען צו טרעפן צוויי אידן וואס האבן אויסגעגאסן זייער הארץ פארן אויבערשטן מיט א יאמערליכן געוויין וואס האט אפגעקלונגען פון איין עק שול צום צווייטן.

רבי משה וואס האט געפילט אז זיינע פיס שטייען יעצט אין א הייליגע מעמד, איז צו זיי צוגעגאנגען, ווען זיי כאפן זיך אויף מיט שרעק. ער האט זיי דערציילט פון די שרעקליכע גזירה וואס איז ארויסגעקומען אויף די אידן פון מקנאס, און די צוויי וואס זענען נאך געווען אונטערן רושם פון דאווענען האבן אים פארגעשלאגן ער זאל זיך צושטעלן צו זייער דאווענען.

נאך א לאנגע צייט פון א דריי-געפלאכטענע דאווענען, איז פלוצים די טיר געעפנט געווארן דורכ'ן משרת, וועלכער האט גערופן ר' משה'ן, ער זאל זיך איילן צו זיין הויז, ווייל דארט ווארט אויף אים א שליח פון מיניסטער'ס הויז.

רבי משה האט זיך דערשראקן און זיך געאיילט צו זיין שטוב, אבער שוין ביים טיר האט ער פארשטאנען אז עפעס אנדערשט פון וואס ער טראכט האט פאסירט. דער שליח וועלכער האט געדארפט אויסזען שטאלץ און פארזיכערט ביי זיך, איז געווען אראפגעבויגן און טרויעריג. - "וואס איז געשען? - פרעגט רבי משה, און דער שליח האט געענטפערט מיט א שטילן טאן: "ס'איז וועגן דעם שר... ער איז געשטארבן...".

קוים מיט שוועריקייטן האט רבי משה געקענט באהאלטן זיין פרייד און צוהערן צום שליח'ס שילדערונג; עס ווייזט אויס אז דער מיניסטער וואס איז געווען א ברייטער מענטש, איז ארויף אויף די טרעפ פון זיין הויז, און ביי די לעצטע טרעפ איז ער אראפ געפאלן, ער האט פרובירט זיך אנכאפן אין די צוים, אבער דאס איז מיט אים צוזאמגעפאלן. ער האט זיך אראפגעקוילערט די טרעפן און נאכן באקומען א גוטן טויט-קלאפ האט זיין דאקטער נישט געהאט קיין ברירה נאר צו באשטעטיגן זיין טויט.

"איך בין געשיקט געווארן אייך צו איינלאדענען צו די באגרעבניש-צערעמאניע וואס וועט פארקומען היינט נאכט" - האט דער שליח טרויעריג פארענדיגט. רבי משה האט אים ארויס באגלייט בשעת ער האט ארויסגעלאזט א געמאכטע זיפץ, און גלייך נאכדעם איז ער צוריק אין שול וואו די צוויי זענען נאך געווען פארזינקן אין זייער דאווענען.

זעהנדיג זיין פרייליכן פנים האבן זיי זיך אפגעשטעלט פון זייער דאווענען, און ער האט זיי איינגעלאדנט צו זיין הויז, ווען אויפן וועג דערציילט ער זיי קורצערהייט איבער דעם פלוצימדיגן טויש אין די געשיכטע. ערשט ווען זיי זענען געזיצן אין זיין הויז, האט ער זיך דערמאנט זיי צו פרעגן וואס איז זייער פראבלעם, און זיי האבן געשילדערט אין זיינע אויערן זייער ענגשאפט.

זייענדיג איינגעהילט אין פרייד, האט רבי משה געגעבן פאר יעדער פון זיי א האפן מטבעות וואס וועט זיין גענוג צו קענען שפייזן זייער הויזגעזינד פאר די קומענדיגע תקופה, און האט אויך צוגעזאגט צו שטיין צו זייער רעכטע זייט אין צוקונפט ווען עס וועט זיי אויספעלן הילף און שטיצע.

די דריי האבן זיך צעשיידט ווען יעדער פון זיי איז פארנומען מיט א פריוואטע דאנקבארקייט פאר זיין ישועה, און זייערע הערצער זענען פאראייניגט מיט א אמונה אין די כח פון תפילה וואס קומט ארויס פון א צובראכן און דערשלאגן הארץ, אזוי ווי זיי האבן זוכה געווען איבערלעבן אויף זייערע קערפער, זעהנדיג די כח צו קענען ענדערן אפילו די שווערסטע לאגע אויף גוט.

'נחלת אבות' ח"א עמ' צג

# דרך אמונים

## הלכות פון ענטפערן אמן

### ביי די הויכע שמו"ע

**ביי די הויכע שמו"ע זאל דער ש"ץ נישט אנהויבן זאגן א ברכה בעפאר רוב ציבור האט געענדיגט ענטפערן אמן אויף די פריערדיגע ברכה. אבער אויב עס איז פאראן א מיעוט וואס זענען מאריך מיט ענטפערן אמן מער ווי געווענליך, דארף נישט דער ש"ץ ווארטן אויף זיי. עס זענען דא וואס זאגן אז די הויכע שמו"ע האט א דין אזוי ווי ברכות וואס מען איז יוצא מיט זיי, און אויך ביי די ברכות דארף דער ש"ץ ווארטן אויף די מיעוט ווען זיי האבן צו שטייט מאריך געווען.**

#### מקורות וביאורים:

דער 'ביאור הלכה' (קכד ט) שרייבט אז די פוסקים קריגן זיך ביי די ברכות פון די הויכע שמו"ע, צי זיי זענען אזוי ווי ברכות וואס מען איז נישט יוצא מיט זיי, ווייל היינט צוטאג איז מען נישט יוצא מיט דעם די חוב פון תפילה, אדער קען מען זאגן ווייל אויפן ציבור ליגט א חוב צוהערן די הויכע שמו"ע האט עס א דין אזוי ווי ברכות וואס מען איז יוצא מיטן הערן (ראה משנ"ב קכד לג). דער מהר"מ מינץ (שו"ת, סי' פא) און דער 'אליה רבה' (קכח לז) פסק'ענען אז די ברכות פון די הויכע שמו"ע האבן א דין אזוי ווי ברכות וואס מען איז יוצא מיט זיי,

## ענטפערן אמן איז א טייל פון די ברכה

און צוליב דעם דארף מען ווארטן אויך אויף די מיעוט וואס זענען צי שטארק מאריך, כדי זיי זאלן אויך הערן די ברכות. און דער 'פרי מגדים' (קכד א"א טו) שרייבט אז אויך דער 'מגן אברהם' האלט אזוי. אבער דער 'פרישה' (קכד יג) האלט אז די הויכע שמו"ע איז ווי די דין פון ברכות וואס מען איז נישט יוצא, און דערפאר דארף מען נישט ווארטן נאר אויף רוב מתפללים, ווען רוב מתפללים ענדיגן זאגן אמן ענדיגט זיך די ברכה. און אזוי פסק'נט דער 'מאמר מרדכי' (קכד יב). אבער דער 'מאמר מרדכי' (שם, הביאו ה'ביאור הלכה' שם) האלט אין א פאל וואס רוב ציבור האט אפגעכאפט די אמן און די מיעוט האט געענטפערט ווי עס דארף צו זיין, האלט יעדער אז דער ש"ץ דארף ווארטן אויף די מיעוט, אבער ער צייכנט צו אז דאס טרעפט זיך נישט אזוי. און זעה אין 'כף החיים' (קכד נב) וואס שרייבט אז לויטן אר"י וואס האלט אז עס ליגט א חוב צו הערן חזרת הש"ץ, און איז מער חשובער פון די שטילע שמו"ע, דארף דער ש"ץ זיכער ווארטן אויך אויף די מיעוט.

ווי געזאגט, אלע האלטן אז עס ליגט א חוב אויפן ש"ץ צו ווארטן ביי די הויכע שמו"ע צום ווייניג'סטנס אויף די אמן פון רוב מתפללים, און עס איז פאסיג אראפברענגען וואס דער 'משנה ברורה' איז מעורר אויף דעם: "ובעוונותינו הרבים הרבה אנשים נכשלים בזה כשמתפללים לפני העמוד, שחוטפים להתחיל ברכה שלאחריה תכף אחר סיום ברכה שלפניה ואין ממתינים ביניהם כלל".

נאך שרייבט דער 'משנה ברורה' (שם לז) אז דער דין איז אויך ביים זאגן קדיש, אז דער וואס זאגט קדיש דארף ווארטן אז רוב צוהערהער זאלן ענדיגן ענטפערן אמן.

# תענה אמונים

## פעדל ווערטער אויף די מצוה פון תפילה

### דער חוב פון כוונה ביים דאווענען

#### דער עיקר פון תפילה איז די כוונה

אין מסכת תענית (ב א) דרש'ענען די חכמים אז דער פסוק (דברים יא יג): "ולעבדו בכל לבבכם", באפעלט אונז אויף די חוב פון תפילה וואס איז "עבודה שהיא בלב". פון דעם וואס דער פסוק רופט אן די מצוה פון תפילה מיטן לשון 'ולעבדו בכל לבבכם', זעהט אויס אז דער עיקר פון תפילה איז די כוונה ('אגרת התשובה' לר"י הדרוש הראשון ו). דער אבודרהם (סדר שחרית של חול, תפילת שמונה עשרה) ברענגט אין נאמען פון ראב"ד אז פון דעם וואס תפילה ווערט אנגערופן "עבודה" קען מען זיך לערנען די געוואלדיגע כח וואס דער מענטש דארף אריינלייגן צו האבן כוונה ביים דאווענען, ווייל אזוי שרייבט ער: "דער לשון 'עבודה' איז נעמען די געדאנקען וואס זענען פארנומען אין וועלטליכע געשעפטן, און עס אריינברענגען אונטער די ריכטיגע כוונה".

#### דער נאמען 'תפילה' ווייזט אויף די כוונה

נאך שרייבט דער אבודרהם אז די חוב פון האבן כוונה ביים דאווענען איז מרומז אין איר נאמען, ווייל "תפלה" איז גימטריה "עבודת לב", און אזוי אויך "בכונת הלב". דער מהר"ל ('באר הגולה' באר ד) לייגט צו אז אויך די שורש פון די ווארט תפילה איז פון לשון מחשבה. ווייל תפילה איז פון דער לשון "פלל", אזוי ווי עס שטייט (תהלים קו ל): "ויעמוד פנחס ויפלל". און די ווארט "פלל" איז טייטש מחשבה, אזוי ווי רש"י טייטש דעם פסוק (בראשית מח יא): "ראה פניך לא פללתי".

# אגודת אמונים

## א בריוו פון א געטרייער ליינער

למעלת כבוד חברי מערכת 'וכל מאמינים' הי"ו

אין די לעצטערע גליונות האבן ענק פארברייטערט אין דעם ענין וואס די פוסקים שרייבן אין עטליכע פלעצער אז ענטפערן אמן אויף א ברכה איז א טייל פון די ברכה. און דאס איז א וואונדערליכער זאך, כאטש די ברכה זאגט דער מברך, און די אמן ווערט געזאגט דורכ'ן שומע, דאך פון זיי ביידע צוזאמען קומט ארויס אינאיינעם א ברכה שלימה.

איך האב געטראכט צו ערקלערן דער ענין לויט די ווערטער פונעם מקובל האלוקי רבי שלמה אלקבץ זי"ע דער מחבר פון דער פיוט 'לכה דודי', (זיינע ווערטער ווערן געברענגט אין אלשיך הק' שמות ל יג) אויף די מצוה פון מחצית השקל. און די תוכן פון זיינע רייד איז אז די תורה האט באפוילן אויף יעדן איד צו געבן א מחצית השקל און נישט א שקל שלם, צו לערנען די מעלה פון אחדות, אז נאר צוויי אידן צוזאמען זענען א גאנצע זאך, אבער איין מענטש אליין זאל זיך נישט באטראכן ווי א אדם השלם.

דער נקודה ווערט אויך וואונדערבאר ארויסגעברענגט אין די הלכה, מיט דעם אז יעדער איד וואס זאגט א ברכה איז נאר ווי א 'האלבער' ביז דער חבר וועט קומען און פארענדיגן זיין ברכה מיט ענטפערן אמן.

נאך האב איך געטראכט מוסיף זיין אז דער ענין איז מרומז אין דאס וואס מיר זאגן ביי ברכת המזון "בברכה שלימה ונאמר אמן". דער וואס וויל געבענטש ווערן מן השמים בשלימות, זאל ענטפערן אמן און משלים זיין די ברכה, און אזוי וועט ער געבענטש ווערן מידה כנגד מידה מיט א ברכה שלימה.

**איך שלוס מיינע ווערטער מיט א ברכה שלימה**

**שמואל שארף- לאנדאן**

מען קען שיקן בריוון צו די פאקס: 08-9746102
אדער צו די אימעיל אדרעס: gmail.com@9139191

# 'אמן' וואס האט פארמיטן עגמת נפש

ערב שבת קודש ביי פאמיליע א'. די זייגער וואס האט געוויזן אויף האלב פינף נאכמיטאג, צוזאמען מיט דעם געררוך פון די שבת'דיגע מאכלים וואס זענען שוין געשטאנען אויף די צוגעדעקטע פייער, האבן אנגעזאגט אז די הייליגע שבת דערנענטערט זיך.

די קליינע קינדער זענען ארומגעלאפן ווען זיי זענען אנגעטוהן שבת'דיג. די ליכט זענען שוין געווען גרייט, און נאך א קורצע ווייל וועט זיך הערן די פייף וועלכע זאגט אן אז די צייט צו צינדן ליכט איז שוין געקומען. דעמאלט וועט די מאמע פארדעקן די אויגן און זאגן די ברכה אויף די ליכט ווען זי דאוונט א ווארימע תפילה פאר די בני בית, אירע טייערע קינדער.

די פרידליכע און רואיגע אטמאספערע האט זיך אין איין סקונדע איבערגעדרייט צוליב די געשריי וואס האט זיך געהערט פון די שבת-שטוב.

דער פאטער איז געווען אויסגעצויגן אויף די ערד, ווען ער איז אינגאנצן פאר'חלש'ט, און זיינע קינדער שטייען ארום אים מיט ציטער. די הצלה וואלאנטירן וועלכע זענען גערופן געווארן צו דער סצענע זענען אנגעקומען אין עטליכע מינוטן און האבן זיך געאיילט צו טוהן פארשידענע אפעראציעס צו ראטעווען זיין לעבן. און די קינדער וועלכע האבן זיך אויפגעכאפט פון דעם ערשטן שאק האבן זיך צוזאמגענומען זאגן תהילים.

און אט איז געשען דער נס: דער טאטע האט זיך אויפגעכאפט, און האט זיך ארומגעקוקט, ווי ער וואלט נישט פארשטאנען וואס איז דער געררודער.

"וואו עס זעהט אויס איז דאס א פארטרוקנקייט!" האט געזאגט דער דאקטאר וואס האט דערווייל אנגעיאגט קומען אין שטוב, און דער טאטע האט געשעקלט שוואך מיטן קאפ. טאקע אזוי, מיטאג איז ער אהיים פון א גרויסע שאפינג-רייזע אונטער די שטארקע זון, און האט פארגעסן צו טרינקען ווי עס דארף צו זיין.

כאטש הרב א' האט זיך שוין געפילט בעסער, האט דער דאקטאר איר געהייסן זיך שפיטאליזירן צום נאנטסטן שפיטאל, און ווען שבת האט אויסגעשפרייט אירע פליגל איבער דער וועלט, איז ער שוין געשטאנען ביים טיר פון די עמערדזשענסי רום (חדר מיון) ווען זיין גרויסע טאכטער באגלייט אים. די מאמע האט דעמאלט געצינדן די שבת-ליכט אין שטוב, און נאכדעם האט זי געדאוונט מיט טרערן אויף די געזונט פון איר מאן.

איינע פון די שכנ'טעס האט זיך אנגעטראגן אכטונג געבן אויף די קליינע, און די מאמע האט זיך געוואנדן צו גיין אין שפיטאל ווען די פיינע שבת'דיגע מאכלים זענען איינגעפאקט אין אירע הענט, אבער ביים טיר פון שטוב האט די קליינע טאכטער איר אפגעשטעלט און געפרעגט: "מאמע, ביטע ענטפער אמן אויף מיין ברכה!"

אין הויז פון פאמיליע א' זענען אלע מקפיד, פון דעם עלטעסטן ביז דעם יונגסטן, ענטפערן אמן מיט כוונה אויף יעדע ברכה, און די מאמע, כאטש זי האט געהאט פאר זיך א וועג פון א האלבע שעה, האט מסכים געווען צו די בקשה. ווען זי האט שוין געוואלט גיין, האט די קליינע באשלאסן צו זאגן נאך א ברכה... און נאכדעם האט איר ברודער אויך באשלאסן צו מזכה זיין די מאמע מיט נאך עטליכע 'אמנים'... דער נסיון איז געווען שווער, אבער די באליבטע 'אמן' האט געוואונען, און די מאמע האט געמוזט ווארטן נאך עטליכע טייערע מינוטן ביז ענדליך איז זי ארויס פון שטוב, דאס מאל מיט געטרייע באגלייטער פון עטליכע מלאכים פון 'אמן'.

ז' איז נאר וואס ארויס פון די געביידע, און איז באלד שאקירנד געווארן ווען זי האט באמערקט אז איר מאן מיט איר טאכטער קומען איר אנטקעגן מיט א רואיקייט...

"אין שפיטאל האבן זיי אדורכגעפירט אויף מיר גרונטליכע טעסטן און צום ענדע איז באשלאסן געווארן מיך צו פארבינדן צו א אינפוזיע. נאכדעם האב איך זיך ערהוילט, און אויף מיין פארלאנג האט דער דאקטאר מסכים געווען מיך צו באפרייען" - האט דער פאטער ערקלערט, ווען ער דערציילט ווייטער: "ווען מיר זענען צוריק פון שפיטאל, האבן מיר באשלאסן צו גיין אין די אומגעוועהנליכע וועג, כדי צו שפארן דעם שווערן וועג וואס איז פארבינדן מיטן גיין אין די געוועהנליכע וועג...".

"נאך א סיעתא-דשמיא פון אמן!", האט די פרוי אויסגערופן מיט התרגשות, און ערקלערט:

"ווען איך בין געשטאנען גרייט ארויסגיין פון שטוב האבן די קינדער מיך אויפגעהאלטן איך זאל ענטפערן 'אמן' נאך זיי. יעצט אז דו האסט מיר געזאגט, אז ענק זענען געקומען פון אן אומוועג, האב איך געטראכט ביי מיר, אויב איך וואלט זיך נישט אויפגעהאלטן, וואלט איך יעצט געווען אינמיטן דעם לאנגן וועג צום שפיטאל, מיט א שווערער פעקל אין די הענט, נאר כדי צו הערן אז מיטן איבערטרעטן'ס הילף ביזסוט שוין באפרייט געווארן, און איך דארף אליין צוריקגיין די גאנצע וועג אין די פינסטערניש פון די נאכט, צו די הויזגזונד וואס ווארטן אומגעדולדיג און מיט זארג אויף די אנהויב פון די סעודה... וויפיל עגמת נפש איז איינגעשפארט געווארן פון מיר און פון די אנדערע הויזגזינד, אדאנק אז איך האב זיך אויפגעהאלטן צוליב ענטפערן אמן ווי עס דארף צו זיין".

'טיב הקהילה' תצוה תשע"ו



## דער מעזריטשער מגיד
### י"ט כסלו תקל"ד



די אוהל אויף דער ציון פונעם מעזריטשער מגיד

רבי דוב בער איז געבוירן אין יאר תס"ד צו זיין פאטער רבי אברהם אין שטעטל לוקאטש אין אוקריינא, אין זיינע יונגע יארן איז ער געווען פארערנכט צווישן די אויסדערוועלטע לומדים אין די ישיבה פון 'פני יהושע'.

עטליכע יאר נאך זיין חתונה איז ער אריבער וואוינען אין קאריץ, און האט דארט געדינט אלץ דער מגיד מישרים. אין יאר תקי"ב האט ער דעם ערשטן מאל זיך געטראפן מיטן 'בעל שם טוב' און פון דעמאלטס האט ער זיך מדבק אין אים, און איז געווארן פון איינער פון זיינע גרויסע תלמידים. אויף זיין מעלה זאגט עדות דער 'תפארת שלמה' (רמזי פורים): "נתגלגל הדבר שמסר הבעל שם טוב למגיד כל מעיינות החכמה, וזכה להיות מנהיג הדור, ועדיין מתנוצץ אור קדושתו בתלמידיו הבאים אחריהם בכל דור ודור".

נאך די הסתלקות פון דער בעל שם טוב, האט זיין זון רבי צבי הירש אויפגענומען דעם מגיד צו זיין דער ממלא מקום. דעמאלטס איז דער מגיד אריבער קיין מעזריטש, דארט זענען געקומען צו אים טויזנטער חסידים וואס האבן געלערנט ביי אים תורה און חסידות.

אין י"ט כסלו שנת תקל"ד, איז דער מגיד נסתלק געווארן לגנזי מרומים, און איז געקומען לקבורה אין האניפאלי, אין דער שטאט וואו ער איז אריבער געציילטע חדשים בעפאר זיין הסתלקות.

## ענטפערן אמן איז מגלה די אור האמונה

דער מעזריטשער מגיד ערקלערט אויף א וואונדערליכן וועג דער טעם פארוואס די חכמים זאגן (ברכות נג ב): "גדול העונה אמן יותר מן המברך":

ווען א מענטש זאגט עפעס און איינער פון די צוהערער צווייפלט זיך אין זיינע ווערטער, און עס קומט אן א דריטער און באשטעטיגט די ווערטער פונעם ערשטן, איז ער גורם מען זאל אננעמען די ווערטער.

דער ענין קומט פאר יעדע מאל וואס מען זאגט א ברכה; דער מברך וויל אנטפלעקן די מלכות ה' אין זיין וועלט, אבער פון די צווייטע זייט די גשמיות'דיגע טבע וויל עס באהאלטן. מיטן ענטפערן אמן באשטעטיגט ער די ווערטער פון דער מברך און דערמיט איז ער גורם עס זאל נתגלה ווערן די אור האמונה אויף דער וועלט.

דערפאר האבן די חכמים אויך צוגעגליכנט (שם) דעם מברך צו א פשוטער זעלנער וואס האט נישט קיין כח צו געווינען די מלחמה, און דער וואס ענטפערט אמן צו דעם גיבור וואס זיגט די מלחמה. ווייל, ווי געזאגט, דער מברך שלאגט זיך מיט די גשמיות'דיגע-טבע וואס זוכט צו באהאלטן די גילוי פון מלכות-ה' אין זיין וועלט, און נאר דער וואס ענטפערט אמן וועגט אראפ די וואגשאל און אנטפלעקט די אור האמונה אויף דער וועלט. און דער מגיד לייגט צו און זאגט, אז מיטן אנטפלעקן די אור האמונה, איז ער ממשיך שפע און ברכה אויף דער וועלט ('מגיד דבריו ליעקב' מהד' קורץ תקמ"א דף מג ע"א).